# די ראָב
## עדגאַר אַלאַן פּאָ
## איבערגעזעצט: לייב ניידוס

ס'איז אינמיטן נאַכט געווען, כ'האָב מחשבֿות־פֿול געלעזן
אַלטע־אַלטע פֿאָליאַנטן, וואָס גערוט האָבן פֿאַר מיר;
כ'בין פֿון טרוים געווען געפֿאַנגען, ס'זענען קלאַנגען באַלד דערגאַנגען
נישט קיין קלאָרע ווײַטע קלאַנגען, ווי אַ קלאַפּן אין מײַן טיר;
„ס'מוז געוויס — האָב איך געמורמלט — קלאַפּן שטיל אַ גאַסט אין איר,
ס'קלאַפּט אַ גאַסט געוויס אין טיר“.

איך פֿאַרגעס נישט יענע שעה מער... איך געדענק פֿון האַרבסט דעם יאָמער,
אין קאַמין געטליִעט קוילן האָבן, לויכטנדיק פֿאַר מיר...
ווי דערוואַרט האָב איך דעם מאָרגן! נאָר אומזיסט: ס'האָט ווער דערוואָרגן
יעדע טרייסט פֿאַר מײַנע זאָרגן, יעדן ענטפֿער וועגן איר,
מײַן לענאָרן, וואָס פֿלעגט אַלע איבערשטײַגן מיט איר ציר,
מיט איר שיינקייט, מיט איר ציר....

און פֿון פּורפּורנע פּאָרטיערן פֿלעגן שאָרכן זיך דערהערן,
און די שאָרכן פֿלעגן שרעקן מײַן צערעגטעס האַרץ אין מיר;
כ'האָב געשפּילט מיט אַ נחמה שרעק און אומרו פֿון נשמה:
„ס'וואַנדערט אום אַ גאַסט, מסתּמא, און ער קלאַפּט צו מיר אין טיר,
ס'בעט אַ גאַסט, אַ שפּעטער, אָפּרו אין דער שטילער נאַכט בײַ מיר,
ס'קלאַפּט אַ גאַסט צו מיר אין טיר“.

און מיט צווייפֿל האַלב באַזיגטן, מיט מײַן פּחד מײַן דערשטיקטן
האָב איך שטיל געזאָגט: „זײַט מוחל, ס'איז געווען אײַך וואַרטן שווער!
„כ'האָב געקלערט מײַן אויג פֿאַרמאַכן, און פֿון קלאַפּ פֿון צופֿיל שוואַכן
נישט געקענט האָב איך דערוואַכן,“ — און איך עפֿן אויף די טיר
נאַכט אַרום און גאָרנישט מער.

כ'בין פֿאַרוווּנדערט שטיין געבליבן מיט אַ בליק פֿאַרגליווערט־טריבן,
פֿול מיט טרוימען, מיט חלומות — ווײַט פֿון ערדישן באַגער;
ס'האָט די נאַכט קיין קלאַנג פֿאַרלאָרן, נישט געשענקט קיין ענטפֿער קלאָרן
נאָר דעם נאָמען פֿון לענאָרן האָט אַרויסגעמורמלט ווער;
דאָס האָב איך שטיל געפֿליסטערט, און דאָס עכאָ באַלד נאָך מיר
עכאָ נאָר, און גאָרנישט מער.

כ'קער זיך אומעט אין מײַן חדר, — און איך ציטער אויף: כּסדר
הערן ווידער זיך די קלאַנגען אָבער קלאָרער, מער און מער;
„ס'האָט צעבראָכן זיך אין שפּליטער עפּעס וואָס אין דעם געוויטער,
ס'האָט געגעבן וואָס אַ ציטער הינטער פֿענצטער־לאָדנס שווער;
פֿון דעם ווינט, מסתּמא, שטאַמען אָט די קלאַנגען, וואָס איך הער,

ס'איז אַ ווינט, און גאָרנישט מער“.

און די פֿענצטער עפֿן שנעל איך, — און אַ שוואַרצער ראָב פּאַמעלעך
קומט אַרײַן פֿון הינטער לאָדנס, קומט אַ שטאָלצער ראָב צו מיר,
נישט קיין נויג זיך מיט די גלידער, ווי אַ לאָרד אַ שטאָלץ־סאָלידער
פֿאָכט די פֿליגל אויף, אַ מידער, טוט זיך פּרעכטיק שיין אַ ריר,
צו פּאַלאַדעס ביוסט פֿאַרפֿליט ער, וואָס געווען איז אויף מײַן טיר
און ער זעצט זיך דאָרט אויף איר.

כ'האָב פֿון טרויער באַלד דערוואַכט זיך, און נישט ווילנדיק צעלאַכט זיך,
ווען דערזען האָב איך דעם פֿויגל פֿון אַן אַלטן ווײַטן דור...
„ס'איז דײַן קאָפּ, ווי אַ צעפֿליקטער, און אַ לעכערלעכער בליקט ער,
זאָג מיר: דאָרט, אין נאַכט פֿאַרשטיקטער, ווו דער חושך קיניגט נאָר,
ווי געהייסן האָסטו דאָרטן, ווו דער חושך קיניגט נאָר?
ענטפֿערט יענער „נעווערמאָר“.

נאָר דער קלאַנג פֿון וואָרט פֿון קלאָרן האָט פֿאַרוווּנדערונג געבאָרן,
ווײַל דער אינהאַלט פֿון דעם ענטפֿער איז געווען גאָרנישט קלאָר.
און נישט איך, נישט איך אַליין נאָר, נישט געגלויבט אין דעם וואָלט קיינער,
אין דער גאַנצער וועלט קיין איינער, אַז אַ ראָב אַ שוואַרצער גאָר
האָט געזעצט זיך אויף דער טיר, און רעדט אָן מאַטערניש און קלאָר
און מען רופֿט אים „נעווערמאָר“.

און ער חזרט אַלץ מיט צאָרן יענעם ענטפֿער דעם נישט קלאָרן,
און עס דוכט: די גאַנצע זעלע גיסט ער אויס אין „נעווערמאָר“.
האָט די פֿליגל נישט צעלאָזן, מיט קיין פֿעדער נישט געבלאָזן,
און געזאָגט האָב איך: „פֿאַרלאָזן האָבן פֿרײַנט מיך לאַנגע יאָר,
מאָרגן וועט ער אויך פֿאַרשווינדן, ווי די האָפֿענונגען אין וואָר!“
ענטפֿערט יענער „נעווערמאָר“.

ר'האָט געענטפֿערט גאַנץ געלונגען, און אַ שרעק האָט מיך באַצוווּנגען;
ר'איז געוויס געווען בײַ איינעם, ווער געקענט האָט צרות נאָר,
וועמען פֿריידן פֿלעגן ווײַכן, וועמענס פּײַן מען קען פֿאַרגלײַכן
צו דעם דראַנג פֿון פֿרילינגס־טײַכן, און זײַן יִיאוש האָט ער קלאָר
אויסגעגאָסן אין אַ ניגון וועגן גליק, וואָס וועט שוין גאָר
נישט צעשטראַלן „נעווערמאָר“.

און אין שטילערע מינוטן מיט אַ שמייכל אַ באַרוטן
האָב איך צוגערוקט מײַן שטול דאַן צו מײַן וווּנדערלעכער פּאָר,
און, גענויגט צום סאַמעט צאַרטן, האָב איך אַלץ, דערפֿילט מיט וואַרטן,
שטיל געטרוימט מײַן טרוים געגאַרטן: „ ס'איז אַ ראָב אַ שוואַרצער נאָר.
אָבער וואָס־זשע לאָזט ער הערן מיט דעם שוואַרצן „נעווערמאָר“,
מיט דעם שרעקלעך „נעווערמאָר“.

שטיי! אַ טונקל נעמט זיך זייען, און עס דוכט זיך פֿליגל ווייען.
צי מיט קטורת קומט אַ שׂרף פֿון דעם ווײַטן הימל־כאָר?
און אין נעפּלדיקע פֿריידן שרײַ איך אויס: „ פֿאַרצײַט מירליידן!

ס'הייסט דער בורא פֿון גן־עדן, ס'זאָל פֿאַרגעסן מײַן לענאָר,
טרינקט־זשע, טרינקט־זשע שנעל די טרייסטן, און פֿאַרגעסט אָן מײַן לענאָר!
ענטפֿערט יענער: „נעווערמאָר“.

שרײַ איך אויס אַן אומבאַרוטער: „ביסט אַ ראָב, צי אַ נישט־גוטער,
איך באַשווער דיך מיט דעם הימל, וואָס פֿאַרמאַכט איז פֿילע יאָר;
מוזט מיך איצט דעם סוד אַנטשיידן, צי דאָרט ווײַט אין דעם גן־עדן
וועל איך זען זי נאָך אין פֿריידן, זי — וואָס איז אין כּרובֿים־כאָר.
זי, וואָס דאָרט אין ווײַטע הימלען רופֿט מען שטענדיק זי לענאָר?
ענטפֿערט יענער: „נעווערמאָר“.

און כ'בין שרײַענד, אויפֿגעשטאַנען: שנעל אַוועק, אַוועק פֿון דאַנען!
קער צוריק אין דײַן מלוכה, ווו דער חושך קיניגט נאָר,
כ'לײַד נישט, ניין, קיין פֿאַלשן האַרצן, ווי דײַן פֿעדער — אַזאַ שוואַרצן,
אָ, פֿאַרשווינד־זשע, גײַסט פֿון שמאַרצן! כ'וויל דאָ בלײַבן איינזאַם גאָר!
נעם אַרויס דײַן שאַרפֿן שנאָבל פֿון מײַן האַרץ, ווו פּײַן איז נאָר!
ענטפֿערט יענער: „נעווערמאָר“.

און פֿון דעמאָלט אָן ביז איצטער אין דער הייך בײַ טיר אַלץ זיצט ער,
און דעם בלייכן ביוסט פּאַלאַדעס קלערט ער נישט פֿאַרלאָזן גאָר;
קוקט געהיים ווי ער וואָלט שפּאָטן, ווי אַ כּישופֿדיקער שׂטן,
ס'שטראַלט דער שימער, ס'פֿאַלט דער שאָטן, ציטערט שטום שוין נישט איין יאָר,
און מײַן זעלע פֿון דעם שאָטן, וועלכער ציטערט נישט איין יאָר,
וועט נישט אויפֿשטיין „נעווערמאָר“.